בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן מֶענְטְשְׁן פוּן לֵיינֶען גִלְיוֹנוֹת בַּיים דַאוֶונֶען?........................................א

אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע פְּלַאץ, זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט?...ב

מֶען הָאט מִיר פַּארְשִׁיקְט פוּן מְלַמְדוּת פַּאר גָארְנִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ?........ד

זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן שְׁפִּיר אִיךְ אַ יְרִידָה בְּרוּחָנִיּוּת ........ו

אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אִיךְ צִיטֶער אָבֶער אוֹיבּ מַיין מַאן וֶועט גֵיין אַרְבֶּעטְן ........................................ז

זָאלְן מִיר גֶעבְּן וַואקְסִינֶען?........................................ט

אִיךְ הָאבּ גֶעפִירְט מַחֲלֹקֶת קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה ........................................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מַאכְן אַן אוֹיסְנַאם פַּאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסְדוֹת........................................א

נִישְׁטָא קַיין חֲתוּנָה אָן אַ מַחֲלֹקֶת ........................................א

אִין זְכוּת פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת .....ב

דֶערְצֵייל אוֹיךְ וֶוען דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען........................................ג

בֶּעטְס פַּאר מִיר ........................................ג

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ יְשׁוּעָה .......ד

פַאְרוָואס אִיז יַעֲקֹב אָבִינוּ בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף רָחֵל אַז זִי הָאט גֶעבֶּעטְן קִינְדֶער?........................................ה

קֵיינְמָאל נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ........................................ו

וֶוער עֶס וִויל מִיר אָנְכַאפְּן זָאל אָנְכַאפְּן מַיינֶע סְפָרִים........................................ז

גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין לַחַץ פוּן דִי פְּחָדִים פוּנֶעם קִינְד ........................................ט

דֶער וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ........................................ ט

אַז אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת, וֶועט אִיר הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ........................................ יא

גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר'ן קִינְד ........................................ יא

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער, גֶעבְּט עֶר מִיט כּוֹחוֹת פַאר זֵיי ....... יג

בּוֹי אַרוֹיס דַיין הוֹיז, אוּן מַאךְ זִיכֶער צוּ הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אַ סוּכָּה........ יג

חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס........................ טו

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי נִישְׁט פוּיל, לוֹיף אִין מִקְוֶה........................ טז

פְרוּיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................................ יז

אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ מֵיידְל אִיז מְכַבֵּד אוּן הֶעלְפְט דִי עֶלְטֶערְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת..... יח

נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ פְּרִיוַואט, נִישְׁט צוּ שְׁטוּיסְן דִי שׁוּלֶע ............... כ

אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר שְׁוַואכְקֵייט אִין מֹחַ............... כב

מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַ קִינְד קֶעגְן דִי מוֹסָד וואוּ עֶר לֶערְנְט ............ כג

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט אַז עֶס מוּז זַיין וִוי אִיךְ וִויל ....כד

אַ שְׁטָאט וואוּ מֶען דְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הֵיילִיג ........................................כז

עֶס אִיז דָא עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד........................כח

אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף זַיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְפַאלְנְד .......... כט

עֶטְלִיכֶע וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת אִין לֶעבְּן ........................................ לא

הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין ........................................לב

נֶעם דִי דִירָה פוּן דַיין שְׁוֶוער, אוּן זָאלְסְט אִים אוֹיךְ אַרַיינְנֶעמֶען צוּ דִיר ....לב

דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז אַ גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע פְּלַאץ ............... לג

לָאז אָפּ דִי נַארִישְׁקֵייטְן, זֶע נָאר מְקָרֵב צוּ זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ....... לג

נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן טְשֶׁעקְס וֶוען עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין דֶעקוּנְג............לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן מֶענְטְשְׁן פוּן לֵיינֶען גִּלְיוֹנוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זֶע אַסַאךְ מָאל וְוי מֶענְטְשְׁן לֵיינֶען דֶעם גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען. צוּם עֶרְשְׁט הָאב אִיךְ פְּרוּבִּירְט זֵיי דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת אַז זֵיי קוּקְן עֶס נָאר בַּיי דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען מֶעג, אָבֶּער אִיךְ זֶע וְוי זֵיי לֵיינֶען עֶס אוֹיךְ בַּיי שְׁטִיקְלֶעךְ וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט לוֹיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ לֶערְנֶען דֶעמָאלְט אוּן זִיכֶער נִישְׁט לֵיינֶען קַיין גִּלְיוֹנוֹת.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וְויל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְעוֹרֵר צוּ זַיין אִיבֶּער דֶעם, אָדֶער כָאטְשׁ שְׁרַייבְּן אִינֶעם גִּלְיוֹן וֶועגְן דֶעם. אוּן צְוֵוייטְנְס הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן וֶוען אִיךְ זֶע אֵיינֶעם לֵיינֶען אַ גִּלְיוֹן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען. אֵיינְמָאל הָאב אִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּ אֵיינֶעם מְעוֹרֵר זַיין, אָבֶּער אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, אוּן אוֹיךְ הָאב אִיךְ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אֶפְשָׁר אוֹיב וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט לֵיינֶען בַּיים דַאוֶוענֶען, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם עֶס בִּכְלַל נִישְׁט לֵיינֶען, אָבֶּער אֶפְשָׁר דַארְף מֶען יָא מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וְוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זֶען בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם? וֶוען מֶען**

דַאוֶוענְט דַארְף מֶען אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע זַייטִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת; גָארְנִישְׁט זֶען, נָאר טְרַאכְטְן וִוי מֶען שְׁטֵייט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְשְׁטָאט אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הֵייבּ אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דַיין דַאוֶוענֶען, אַנְשְׁטָאט זוּכְן בַּיי יֶענֶעם וָואס צוּ פַארֶרעכְטְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס פַארֶרעכְטְן. קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן; בִּפְרַט בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט זוּכְן בַּיי אַנְדֶערֶע חֶסְרוֹנוֹת, בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת בַּיי דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס עֶס אִיז אָסוּר אַרוֹיסְצוּקוּקְן - זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן סִידוּר.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר, דַאוֶוען נִישְׁט פוּן אוֹיסְנְוֶוייִנִיג; מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוּם בַּיים דַאוֶוענֶען. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער דְרֵיידְט זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען, גֵייט אוּן קוּמְט אוּן גֵייט, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אוּן דְרֵייסְט זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְסְטוּ אִינְגַאנְצְן צֶעדְרֵיידְט; שְׁטֵיי אוֹיף אֵיין פְּלַאץ וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט".

נִישְׁט יֶעצְט זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אַז דוּ זֶעסְט מֶענְטְשְׁן דַאוֶוענֶען אוֹיסְנְוֶוייִנִיג אוּן אַנְדֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם; נֶעם דִי בְּרִיוו פַאר זִיךְ אַלֵיין. קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל דִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן זָאגְן: "זַיי פַארְנוּמֶען מִיט דַיין רוּחָנִיּוּת אוּן יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת", וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַנְדֶערֶע זָאלְסְטוּ נָאר טְרַאכְטְן: 'וִוי קֶען אִיךְ יֶענֶעם הֶעלְפְן מִיט עֶסְן וְכוּ'?' טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע פְּלַאץ, זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט שׁוֹין צֶען יָאר אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ אוּן לֵיידֶער בִּין אִיךְ דָארְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער פְרוּמֶער אִיד צְווִישְׁן כִּמְעַט אַלֶע פְרֵייעֶ, אוּן אַלְס טֵייל פוּן מַיין אַרְבֶּעט דַארְף אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן

מִיט אַסאַךְ מֶענְטְשְׁן דָארְט אוּן אִיךְ שְׁטְרוֹיכְל זִיךְ אַסאַךְ אָן אִין פְּרִיצוּת, נִיבּוּל פֶּה, אוּן אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אוֹיךְ דַארְף אִיךְ הָאבְן פַּאר דִי אַרְבֶּעט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶער אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי בֶּעסְטֶע פִילְטֶער.

אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְן אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, אָבֶער דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ נָאךְ דָארְט אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ קוּם אַהֵיים נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארְמַאכְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

בִּכְלַל מַאכְט דֶער מַצָּב בַּיי דִי אַרְבֶּעט אַז אִיךְ זָאל אַסאַךְ פַאלְן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מַיין הַארְץ צִיעֶט צוּ עֲבֵירוֹת, אוּן לֵיידֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן אוֹיךְ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אוֹיךְ פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי אַרְבֶּעט. אָבֶער אִיךְ דַארְף נָאךְ אַ גְרוֹיסֶער תִּיקּוּן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַסאַךְ מָאל ווִי אָט אָט גֵיי אִיךְ ווִידֶער דוּרְכְפַאלְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן וֶוען נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַאטֶעוֶועט מִיר דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע וָואלְט אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ פַּארְטִיגֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ טוֹישְׁן דַיין אַרְבֶּעט.

אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת נָאכְדֶעם וָואס מֶען גֵייט דָארְט אָנְגֶעטוּן בִּפְרִיצוּת אוּן מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, וּבְנוֹסָף לָזֶה קוּמְסְטוּ אַהֵיים אָן גֶעדוּלְד צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה - אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן; אַנְטְלוֹיף פוּן דָארְט וָואס שְׁנֶעלֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען הָאט מִיר פַארְשִׁיקְט פוּן מְלַמְדוּת פַאר גָארְנִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פַאר לַאנְגֶע יָארְן אוּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מִיר.

אִין דִי לֶעצְטֶע פְּאַר יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן לִכְבוֹד דֶעם הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער.

דָאס יָאר הָאט דִי הַנְהָלָה בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּ אַלְט אוּן אִיךְ טוֹיג מֶער נִישְׁט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אֲפִילוּ קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט קֶעגְן מִיר.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; זֵיי ווִילְן מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין יֶעצְט נִישְׁט אָנְפַאנְגֶען אַ נַייעֶ פַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אַן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעטְל וָואס קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט דָא וַוייטֶער אִין לֶעבְּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט זֵייעֶר וֵוי צוּ הֶערְן אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף מִיט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט יָארְן לַאנְג גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פַארְוָואס שְׁפִּירְסְטוּ ווִי אַן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעטְל? פְרֵיי זִיךְ אַז דַיינֶע יָארְן זֶענֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט; עֶרְשְׁט יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט קֶענְסְטוּ זֶען וָואס דִי וֶועלְט אִיז. יֶעצְט זֶעסְטוּ דֶעם הָלוֹךְ יֵלֵךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - דָאס גֵייט יֶעדֶער אַרִיבֶּער, מֶען אַרְבֶּעט יָארְן לַאנְג בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען יוּנְגֶערֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן מֶען שִׁיקְט אַוֶועק דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר, דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען צוּרִיק, מֶען טְרַאכְט: ׳אוֹי וֵויי, וֵויי אִיז מִיר, אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן - פַארְוָואס? פַארְוֶועם?׳ דֶער לֶעבְּן

קוּמְט און פַּאטְשְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פָּנִים. דוּ הָאסְט דָאךְ אָבֶער דַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין זֵיי - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזוּק. אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶערוּפְן, עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: "שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דִי אַרְבֶּעטְסְט אִין אַ סְחוֹרָה גֶעשֶׁעפְט, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ עֶנְדִיגְסְט דַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר און דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אִין עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר?' און דוּ וֶועסְט עֶנְטְפֶערְן 'אִיךְ הָאב גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה, אִיךְ הָאב גֶענֵייט בֶּעקִיטְשֶׁעס', מֶען וֶועט דִיר אָנְקוּקְן אוֹיבְן אִין הִימְל און דִיר פְרֶעגְן 'וָואס? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶענֵייט בֶּעקִיטְשֶׁעס? נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם? בִּיסְט בַּיים דַּעַת?' יֶעצְט, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן און מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר?' וֶועסְטוּ זָאגְן 'אִיךְ הָאב מְחַזֵּק גֶעוֶוען בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט בָּחוּרִים', - וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי שָׂכָר, וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי פְרֵייד אוֹיבְן אִין הִימְל".

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִיר, פַארְוָואס שְׁפִּירְסְטוּ וִוי אַן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעטְל? דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אַריין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵיי! דָאס בְּלַייבְּט, דָאס אַלֶעס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען, דָאס בַּאגְלֵייט דִיר.

אַז מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי מְלַמְדוּת און זֵיי וִוילְן דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן - זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, הֲיִתָּכֵן זֵיי גֶעבְּן דִיר נִישְׁט וַוייטֶער אַ גֶעהַאלְט פַאר דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי זֵיי; אָבֶער זִיךְ שְׁפִּירְן צֶעבְּרָאכְן? - דָאס אִיז אַן עַוְלָה פוּן דַיין זַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן שְׁפִּיר אִיךְ אַ יְרִידָה בְּרוּחָנִיּוּת

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער שׁוֹין בַּאלְד בַּר מִצְוָה, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע גוּטֶע עֵצוֹת אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַ מָאדְנֶע זַאךְ, זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן שְׁפִּיר אִיךְ אַ יְרִידָה בְּרוּחָנִיּוּת. דָאס דַאוָוענֶען אִיז נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וִוי פְרִיעֶר, דָאס לֶערְנֶען אִיז אוֹיךְ נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְבַלְבֵּל.

אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָבֶער דֶערְהֵייבְּן בְּרוּחָנִיּוּת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן שִׁיעוּרִים

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר הַבַּר מִצְוָה ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דַיין שְׁאֵלָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עט): "מַה שֶּׁכְּשֶׁאָדָם מַתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת בָּאִים עָלָיו הִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הֵייבְּן מֶען אָן צוּ בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "זֶה כְּמוֹ לְמָשָׁל כְּלִי מַיִם שֶׁמִּתְּחִלָּה נִרְאֶה כְּאִלּוּ הַמַּיִם צְלוּלִים וְכוּ'", דָאס אִיז אַזוֹי וִוי וַואסֶער, וֶוען מֶען נֶעמְט אַ שִׁיסְל וַואסֶער זֶעט דָאס אוֹיס וִוי עֶס אִיז קְלָאר, עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען לֵייגְט דָאס אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען קָאכְט דָאס אוֹיף, דֶעמָאלְט הֵייבְּן אָן אַרוֹיף קוּמֶען שְׁמוּץ, בִּיז מֶען דַארְף אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דִי אַלֶע שְׁמוּץ. "וּמִתְּחִלָּה נִדְמֶה כְּאִלּוּ הַמַּיִם צְלוּלִים לְגַמְרֵי וְכוּ'", אָבֶער אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעזֶען קֵיין שְׁמוּץ, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז דָאס אִיז שֵׁיינֶע קְלָארֶע וַואסֶער, פְּלוּצְלוּנְג וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט דָאס וַואסֶער אוֹיפְ'ן פֵייעֶר הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁמוּץ, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ קֹדֶם שֶׁמַּתְחִיל הָאָדָם לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת ה' אֲזַי הַטּוֹב וְהָרָע מְעֹרָבִין בּוֹ וּמֵחֲמַת שֶׁהֵם מְעֹרָבִים

מְאֹד אֵין נִרְאֶה הַפְּסֹלֶת וְהָרַע שֶׁבּוֹ כְּלָל, כִּי הֵם מְעֹרָבִים יַחַד לְגַמְרֵי הָרָע עִם הַטּוֹב״, אַזוֹי אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ פַּאר עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, אֵיידֶער עֶר הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעמִישְׁט דָאס שְׁלֶעכְטְס מִיט דָאס גוּטְס, אַז מֶען זֶעט נִישְׁט אַרוֹיס דָאס שְׁלֶעכְטְס, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמִישְׁט, עֶס אִיז מַמָּשׁ אֵיין זַאךְ, ״אַךְ אַחַר כָּךְ כְּשֶׁמַּתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּמִתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת אֲזַי מַתְחִיל לְהִזְדַּכֵּךְ וּלְהִתְבָּרֵר״, עֶרְשְׁט וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם אֶמֶת'ן צַדִּיק, מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אָפְּטֵיילְן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן דָאס גוּטְס, ״וַאֲזַי עוֹלָה הַפְּסֹלֶת וְהָרַע בְּכָל פַּעַם לְמַעְלָה כַּמָּשָׁל הַנִּזְכַּר לְעֵיל״, עֶס קוּמְט אַרוֹיס שְׁלֶעכְטְס, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳. ״וְצָרִיךְ שֶׁיַּעֲמֹד אֶחָד שֶׁיָּסִיר מִמֶּנּוּ חֶלְאָתוֹ וּפְסָלְתּוֹ בְּכָל פַּעַם וַאֲזַי יִשָּׁאֵר אַחַר כָּךְ זַךְ וְצָלוּל לְגַמְרֵי בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי״, מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ בִּיז מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

קוּק נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דָאס גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר, דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי וִוי קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע וַואסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אִיךְ צִיטֶער אָבֶּער אוֹיב מַיין מַאן וֶועט גֵיין אַרְבֶּעטְן

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי מִיט פִיר קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מַיין מַאן לֶערְנְט אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי הוֹיכֶע דִירָה גֶעלְט אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע מִינִימַאלֶע הוֹצָאוֹת. יֶעצְט אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דִי קִינְדֶער גֶעפִינֶען זִיךְ אַכְט שָׁעָה אַ טָאג בַּיים בֶּעבִּיסִיטֶער, אִיךְ דַארְף אַרוֹיסְלוֹיפְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ דִי אַרְבֶּעט וֶוען זַיי שְׁלָאפְן נָאךְ, מַיין

מַאן טוּט זֵיי אָן אוּן נֶעמְט זֵיי אִין שוּלֶע, אִיךְ קוּם צוּרִיק שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעקַלְקֻלֶערְט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען אַפָּאר שָׁעָה פוּן דִי אַרְבֶּעט צוּ הָאבְּן אַבִּיסְל מֶער צַייט פַּאר דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וַוייל קוֹים וָואס יֶעצְט קֶענֶען מִיר זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי גֶעהַאלְט וָואס אִיךְ פַּארְדִין.

אִיךְ צִיטֶער אַז מַיין מַאן זָאל דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן דָאס וֶועט שָׁאטְן פַּאר זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ קֶען אָבֶּער מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין אַזוֹי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיטְ'ן גַאנְצְן כָּבוֹד פַּאר אַייךְ אַז בִּיז אַהֶער הָאט אִיר גֶעהָאלְפְן אַייעֶר מַאן עֶר זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן לֶערְנֶען, אִיר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר הָאט אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן אוּן אַז אִיר דַארְפְט וַוייטֶער אַזוֹי טוּן. אִיר דַארְפְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אִיר דַארְפְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַּאר דִי קִינְדֶער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר מַאן זָאל טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע עֶרְלִיכֶע אַרְבֶּעט, עֶר זָאל בְּלַייבְּן מִיט זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם; אַן אַרְבֶּעט וָואס מֶען קֶען סַיי לֶערְנֶען אוּן סַיי מְפַרְנֵס זַיין דִי שְׁטוּבּ. אַז אִיר וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם וֶועט אִיר זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אַייעֶר מַאן וֶועט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, אַן עֶרְלִיכֶע פַּרְנָסָה אוּן אִיר וֶועט קֶענֶען זַיין אַ מַאמֶע פַּאר דִי קִינְדֶער.

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְן מִיר גֶעבְּן וַואקְסִינֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן וַואקְסִינֶען, אוֹיבּ מֶען דַארְף וַואקְסִינִירְן דִי קִינְדֶער. אִין דִי שׁוּלֶע פוּן מַיין טָאכְטֶער בֶּעט מֶען יֶעצְט צוּ גֶעבְן וַואקְסִינֶען פַאר דִי פְלוּ, זָאלְן מִיר עֶס גֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט?

בִּכְלַל ווִיל אִיךְ ווִיסְן וֶועגְן וַואקְסִינֶען צִי מֶען זָאל עֶס טוּן אָדֶער נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער שַׁאטְס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינָא אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכְן ווִינְטֶער גֵייט אַרָאפּ דֶער גְרַאד בִּיז אוּנְטֶער זִירָא; עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפּ גֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי אוּנְטֶער זִירָא) דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס וְכוּ' (עַיֵּין בְּסֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד).

דִי שְׁאֵלָה פְרֶעגְט מֶען מוֹהֲרָא"שׁ צְוֵויי מָאל אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר (שו"ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק לב, מִכְתָּב ג' תתקפב): "וְלָכֵן מֻכְרָחִים לְחַסֵּן אֶת הַיְלָדִים כְּשֶׁהֵם קְטַנִּים נֶגֶד כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים שֶׁנִּמְצָאִים וְכוּ', וְאָסוּר לִהְיוֹת חָכָם בְּעֵינָיו", מֶען מוּז גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין קֶעגְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק וְכוּ', אוּן מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין אוֹיבֶּער חָכָם בַּיי דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאבּ גֶעפִירְט מַחֲלֹקֶת קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעפִיל שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיק צַייט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייט וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דִי גַאס הָאט דֶעמָאלְט זֵייעֶר גֶעקָאכְט קֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, אוּן אַזוֹי וִוי יֶעדֶע מָאל וָואס עֶס קָאכְט זִיךְ אוּן מֶען הֶערְט זִיךְ אָן מִיט לָשׁוֹן הָרָע'ס, אוּן עֶס אִיז נָאךְ גֶעקוּמֶען מִיט עֵדוּת'שַׁאפְטְן מִמְקוֹר רִאשׁוֹן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ זוּן דָארְט, מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר פוּן דִי יוֹשְׁבִים רִאשׁוֹנָה דָארְט, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעהִיצְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהָאלְפְן פִירְן דִי מַעֲרָכָה קֶעגְן אַייךְ.

אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּלְד גֶעפִיל, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ לוֹיט וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ וֶועק אוֹיף, אִיךְ כַאפּ אֵיין פְּלִיק נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, אַ פְּלִיק מִיט מַיין וַוייבּ, אֵיין פְּלִיק בַּיי דֶעם קִינְד, יֶעצְט נָאךְ אַ פְּלִיק בַּיי אַ צְוֵוייטֶע קִינְד, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צַאמְצוּשְׁטֶעלְן הֲלֹא דָּבָר הוּא, אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט מִישְׁן.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מַיין זוּן, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט מִיר צוּ זָאגְן אַלֶע יָארְן, אָבֶּער עֶר אִיז נָאךְ וַוייטֶער אַ תַּלְמִיד פוּן אַייךְ, אוּן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, אוּן אַז אוּנְטֶער מַיין רוּקְן הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן גֶעלֶערְנְט דִי בְּרִיוְון, אוּן עֶס אִיז בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ אַז דִי אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְקָרֵב זַיין בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ דִי תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה.

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ זֵייעֶר אַ בִּיטֶערֶע מֶעדֶעצִין אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, חָטָאתִי לָכֶם וְלֵאלֹקִים.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה, (צַוָּאַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת יא): וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן

רֶבִּי'ן און אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, הָאט מַיין הַארְץ גֶעבְּרֶענְט אַז אִיךְ זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען זַיין לִיכְטִיגְקַייט, זַיינֶע הֵיילִיגֶע לִמּוּדִים, אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. בָּרוּךְ ה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע פַארְנֶעם, מַיין גַאנְצֶע רָצוֹן און שְׁטְרֶעבְּן אִיז נָאר גְרוֹיס צוּ מַאכְן דֶעם נָאמֶען פוּן רֶבִּי'ן און עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אָבֶּער קֶעגְן מִיר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער "סַמַךְ-מֶם" אַלֵיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רְצִיחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גַארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיטֶערֶע שׂוֹנְאִים, וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מִיר און מִיר פַיינְט גֶעהַאט פַאר גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַבִּיסְל גֶעשְׁרִיבְּן דֶערְוֶועגְן אִין מַיינֶע סְפָרִים וֶועלְכֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, און אִיךְ הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער בַּיי דֶעם וַוייל דָאס אִיז דֶער אֱמֶת, און אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז "אֵין אָדָם מוֹרִישׁ שֶׁקֶר לְבָנָיו" - אַ טַאטֶע וֶועט נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן קַיין שֶׁקֶר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, און זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁרַייבְּט זַיין צַוָואָה, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף מִיר, זָאל מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי זֵיי דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים יב, ד) "יַכְרֵת ה' כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת, אֲשֶׁר אָמְרוּ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ" - זֵיי וֶועלְן אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן. און זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעבְּן וֶוערְן אוֹיף דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער "רְמָ"א" פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תר"ו) אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען יֶענֶעם נִישְׁט מוֹחֵל זַיין. דֶער "מָרְדְּכַי" שְׁרַייבְּט אַז אוֹיבּ מֶען לָאזְט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעבְּן - "אֵין לוֹ מְחִילָה עוֹלָמִית" עַיֵּין שָׁם.

דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיף מִיר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען הָאבְּן מִיט דֶעם גֶעמַאכְט און גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז טוֹיזְנְטֶער אִידְן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס גֶעטוּן זֶענֶען "חוֹטְאִים וּמַחְטִיאִים אֶת הָרַבִּים", וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט, און עֶר וֶועט זִיכֶער נְקָמָה נֶעמֶען פוּן זֵיי.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף מִיר זֶענֶען זֵייעֶר

פָּגוּם, זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן זִיכֶער עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, אוֹיבּ הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוֹיף מִיר וֶועט עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיט דִי הַארְבְּסְטֶע עוֹנְשִׁים.

מִיט-דֶעם-אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט נָאר שְׁטִיל שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן מִיר פַארְשֶׁעמְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיכֶער גֶערֶעכְט מִיט אַלֶעם וָואס עֶר טוּט, אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָאס טוּ אִיךְ טַאקֶע, יֶעדְן טָאג טוּ אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, וַוייל נִישְׁט אוּמְזִיסְט רוֹדְפְ׳ט מֶען מִיר.

וָואס טוּ אִיךְ דֶען? אִיךְ בִּין נָאר מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוֹיף אַזַא וֶועג אַז אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער אוּן נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג אוֹיף מִיר, אוּן דִי מִדַּת הַדִּין גֵייט אַרַיין אִין דִי רְשָׁעִים וֶועלְכֶע טְשֶׁעפֶּענֶען מִיר אוּן קְרִיגְן אוֹיף מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף נָאר טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה. וַוייל אוֹיף צוּ קֶענֶען מְגַלֶה זַיין דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זְכִיָה פוּן הִימְל.

אָבֶּער פוּן אַייךְ בֶּעט אִיךְ אַז אִיר זָאל נָאר אָפְּשְׁוַוייגְן, אִיר זָאלְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן מִיר, זֵיי וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְן, וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף מִיר וֶועט שׁוֹין כַאפְּן זַיינְס, פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער. עַד כַּאן לְשׁוֹנוֹ.

מֶער פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### מַאכְן אַן אוֹיסְנַאם פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ד׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.**

פְּרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ מֶען קֶען מַאכְן אַן אוֹיסְנַאם פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסְדוֹת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן צָאלְן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּיים אִיבֶּערְזוּכְן דִי הָאר פוּן לַייז; דִי מְלַמְּדִים וֶוערְן בַּאצָאלְט אַ קְלֵיינֶעם גֶעהַאלְט, אוֹיךְ בַּאקוּמֶען זֵיי דָאס נִישְׁט צַייטְלִיךְ. בִּיז דֶערְוַוייל פְּלָאגְן מִיר זִיךְ, אוֹיבּ קֶען מֶען זֵיי גֶעבְּן דִי זַאךְ אַז זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען אִין סְקוּל, מֶען וֶועט זֵיי בּוֹדֵק זַיין בְּחִנָּם.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע אִין סְקוּל; אִיךְ בִּין גֶעדוּלְדִיג, אִיךְ וַוארְט. אִיךְ גְלֵייבּ אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר זַיין אוֹיסְגֶעצָאלְט, דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

### נִישְׁטָא קַיין חֲתוּנָה אָן אַ מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן שׁוֹין (שַׁבָּת קל.): "לֵיכָּא כְּתוּבָה, דְּלָא רָמוּ בָּהּ תִּיגְרָא", נִישְׁטָא קַיין חֲתוּנָה אָן אַ מַחֲלֹקֶת; דָאס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס הָאט נִישְׁט חֵשֶׁק מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִים לוֹינְט בֶּעסֶער וֶוען מֶען בְּלַייבְּט אַ פְּלַג גוּף, דֶערִיבֶּער זוּכְט עֶר צוּ שְׁטֶערְן יֶעדֶע שִׂמְחָה.

לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס, דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים, אַז דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען אַ כַּלָּה פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה; מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וואוּ דִי חֲתוּנָה אִיז, וֶוער דֶער שְׁפִּילֶער אִיז, דֶער בַּדְחָן וְכַדוֹמֶה; גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. גֶעדֶענְק פוּנֶעם עִיקָר, דוּ גֵייסְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דְּבָרִים שֶׁל הֶבֶל.

...

**אִין זְכוּת פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יַיִשַׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּן הָרַב הַגָּאוֹן אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, נַחַת בַּיי אַלֶעמֶען; דוּ אוּן דַיין וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אָמֵן.

...

דִי חֲתוּנָה וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָּארְקוּמֶען מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ה' אֲדָר בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; אִיךְ לַאדְן דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

## דֶערְצֵייל אוֹיף וֶוען דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דוּ קוּמְסְט לוֹיפְן מַזְכִּיר זַיין דַיין וַוייבּ בְּעֵת צָרָה דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וֶוען זִי שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין גוּט, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען נָאר וֶוען מֶען דַארְף דִי יְשׁוּעָה.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵיידְט אִינֶעם נֶעץ פוּן הָאבְּן דֶעם קְלוּגְן טֶעלֶעפָאן; מִיר דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי אַלְטֶע נָאמֶען: "דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת", לֵיידֶער אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלוּגֶע לַאנְד [- סְמַארְטְפָאוֹן] וָואס מַאכְט אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶער מַלְכוּת אִיז נַארִישׁ, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי קְלוּגֶע כֵּלִים וֶועט צוּרִיק וֶוערְן "וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ" (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא - מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ).

...

## בֶּעטְס פַאר מִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ.**

זַייטְס מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר; מֶען שְׁלָאגְט מִיר, מֶען הַאקְט מִיר, מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר לָשׁוֹן הָרָע. אִיךְ דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ ווייטֶער אָנְצוּגֵיין.

עֶס אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּן נִישְׁט דָאס לֶעצְטֶע מָאל וָואס עֶס וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אַ קוֹל הֲבָרָה. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' - מְחִגֵּר): יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס וֶוערְט אַ נֵייעֶ קֶענִיג בַּיי דִי שֵׁדִים, זָאגְט דֶער קֶענִיג אַז עֶר גֵייט אוֹיסְרַייסְן דֶעם בּוֹים; וָואס אִיז דֶער בּוֹים? דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן ו): "עֵץ - דָא צַדִּיק"; דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים גֵייט מִיט אַלֶע שָׂרִים מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מִיט גְרוֹיס גַּאֲוָה אוֹיסְרַייסְן דֶעם בּוֹים, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר קוּמְט נָאנְט צוּם בּוֹים, גֶעבְּט דֶער בּוֹים אוֹיף אִים אַ גֶעשְׁרֵיי, אַז עֶר וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן לוֹיפְט אַוֶועק, עַיֵּין שָׁם.

בֶּעטְס פַאר מִיר.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַּאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר זֶע צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל תּוֹרָה וַואשְׁט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

זָארְג נִישְׁט, דַאֲגָה נִישְׁט, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט צוּגֶעבְּן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לֹא תָּעִיל דַּוְיָא בְּלִבָּךְ", זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט דַאֲגוֹת, "דְגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטַל דַוְיָא", וַוייל דַאֲגוֹת הָאט שׁוֹין גֶעהַרְגְ'עט אַסַאךְ גִּבּוֹרִים; וָואס יָא? וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ טוּן וֶוען עֶפֶּעס טוּט וֵויי? גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דִי פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ יְשׁוּעָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן זָאלְסְט בֶּעטְן פַאר מִיר וַוייל מֶען הַאקְט מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְשְׁרֶעקְן; אִיךְ בִּין שְׁטַארְק, אִיךְ בִּין פֵיין, אִיךְ בִּין מְשׁוּנֶּה פְרֵיילִיךְ; אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט תְּפִילוֹת אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין, וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז יַעֲקֹב אָבִינוּ בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף רָחֵל אַז זִי הָאט גֶעבֶּעטְן קִינְדֶער?

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער שֶׁיִּחְיוּ פוּן שְׁטֶעטְל, וָואס לֶערְנֶען בַּיי ר׳ ... שְׁלִיטָ״א.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּנֶעם מַגִיד שִׁיעוּר אַז אִיר לֶערְנְט פְלַייסִיג.

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן אַ פְרַאגֶע פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ל, א): ״וַתֹּאמֶר אֶל יַעֲקֹב הָבָה לִּי בָנִים״, רָחֵל הָאט גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב אָבִינוּ ׳גֶעבּ מִיר קִינְדֶער׳, ״וְאִם אַיִן - מֵתָה אָנֹכִי״, וַוייל אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער בִּין אִיךְ אַזוֹי ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ. רַשִׁ״י זָאגְט, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב אָבִינוּ עֶר זָאל דַאוֶונֶען זִי זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רִבְקָה זִי זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. שְׁטֵייט וַוייטֶער (שָׁם שָׁם, ב): ״וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל״, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף רָחֵל.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף רָחֵל, זִי הָאט דָאךְ גֶעטוּן וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן! וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): ״כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ״, וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה אִין שְׁטוּבּ, אֵיינֶער אִיז קְרַאנְק, ״יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים״, זָאל מֶען גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד עֶר זָאל דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים; דָאס הָאט רָחֵל גֶעטוּן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאט זִי גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב אָבִינוּ דֶער צַדִיק פוּנֶעם דוֹר: ׳בֶּעט פַאר מִיר קִינְדֶער׳; פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיר אַוֶועק גֶעמַאכְט?

אִיךְ הָאבּ אַן עֶנְטְפֶער, וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן; אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּן אַייךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן אַן עֶנְטְפֶער.

לֶערְנְט וַוייטֶער מִיט הַתְמָדָה, פִירְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועט אִיר מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר פְרֶעגְט וָואס קוּמְט קוֹדֶם – קַבָּלַת שַׁבָּת אָדֶער תְּהִלִּים; בֵּיידֶע זֶענֶען חָשׁוּב, בֵּיידֶע זֶענֶען וויכְטִיג, אָבֶּער יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זָאלְט אִיר דַאוְונֶען קַבָּלַת שַׁבָּת אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט צַייט זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים.

בְּנוֹגֵעַ שַׁחֲרִית נָאךְ חֲצוֹת; אוֹיבּ אִיז אַרִיבֶּער דִי צַייט זָאל מֶען וַוייטֶער דַאוְונֶען, אַזוֹי וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דַאוְונֶען פַאר חֲצוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען מֶעג גַנְבְ'עֶנֶען פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, זִיךְ אַרוֹיף כַאפְּן אוֹיפְ'ן בָּאס אָן בַּאצָאלְן חַס וְשָׁלוֹם; אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט זֵייעֶר שַׁארְף (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת גְּנֵיבָה, סִימָן א): "מִי שֶׁנִּפְתָּה לִבּוֹ לִגְזֹל, וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", וֶוער עֶס גַנְבְ'עֶט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גוּטֶע וֶועג; דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן חוּץ אַ גַנָב"; אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאבְּן גָאר אַן אַנְדֶערְן צוּגַאנְג צוּ עֶלְטֶערְן. בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר חָשׁוּב, מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן מֶען הֶעלְפְט זֵיי, מֶען טַעֲנָה'עֶט נִישְׁט מִיט עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר וִיכּוּחִים; וֶוען טַאטֶע מַאמֶע שְׁרֵייעֶן בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט; וֶוען עֶלְטֶערְן גֶעבְּן אַמָאל אַ פְּסַק אִיז מֶען דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן אַייךְ אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" – זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווַאוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ

שֶׁלָּמְדוּ תּוֹרָה", וואוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וַויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער עֶס ווִיל מִיר אָנְכַאפְּן זָאל אָנְכַאפְּן מַיינֶע סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט זַייט דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים הָאט זִיךְ דַיין לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵיידְט לְטוֹבָה אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; וַוייל דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט תַּכְלִית. אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו).

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים זֶענֶען מֶער נָאנְט, דוּ ווִילְסְט זַיין מֶער מְקוּשָׁר; לֶערְן דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען פִירְן ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו. עֶס אִיז שְׁוֶוער פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזוֹיפִיל מִינוּט אִין טָאג צוּ קֶענֶען גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט; אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאלְסְטוּ לֶעבְּן מִיט דִי בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס ווִיל ווִיסְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן זָאל לֶערְנֶען אֲשֶׁר

בְּנַחַל, "וֶוער עֶס וויל מִיר אָנְכַאפְּן זָאל אָנְכַאפְּן מַיינֶע סְפָרִים". אַמָאל הָאט אַ בָּחוּר זִיךְ אַרֵיינְגֶעשְׁטוּפְּט בִּשְׁעַתְ'ן טַאנְצְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי זְכִיָה אָנְצוּכַאפְּן מוֹהֲרָא"שְ'ס הַאנְט, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "ווילְסְט מִיר אָנְכַאפְּן? לֶערְן אַסַאךְ אֲשֶׁר בַּנַחַל; דָארְט וֶועסְטוּ מִיר זֶען, דָארְט וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן אַלֶע דַיינֶע פְרַאגֶעס".

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און אִישׁ אֱמוּנוֹת; דִי בְּרִיוּו אִיז דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אַז דוּ וֶועסְט דָאס לֶערְנֶען וֶועסְטוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי יְשִׁיבָה, וֶועסְט זַיין מְקוּשָׁר מִיט דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה - דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט און הֵייבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ גוּטֶער חָבֵר, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, בַּיי אִים וֶוערְט מְקוּיָם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "אֲטַייל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאַחַד מִכֶּם וְלֹא תִּהְיוּ מִזְדַּעְזְעִים מִמֶּנִּי", מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין דִי טַעַם וָואס צַדִּיקִים שְׁפִּירְן אוֹיבְּן אִין גַן עֵדֶן, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען שְׁפַּאצִירְט אִין גַן עֵדֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, מֶען בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס און מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין זִיסֶערֶע זַאךְ ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ און עֶר רֶעדְט מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ פָּנִים אֶל פָּנִים; וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט און וואוּיל אִיז אִים לָעוֹלָם הַבָּא.

שְׁטַארְק זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין לַחַץ פוּן דִי פְּחָדִים פוּנֶעם קִינְד

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט מִיר פְּרֶעגְן אַלֶע אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶנְטְפֶערְן.

אַייעֶר מַאן קֶען מִיר פְּרֶעגְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת; אַז אַייעֶר מַאן הָאט מוֹרָא, עֶר מֵיינְט עֶר שְׁטֶערְט מִיר מִיט דִי שְׁאֵלוֹת, אָדֶער אַז אִיר אַלֵיין ווִילְט פְּרֶעגְן – קֶענְט אִיר פְּרֶעגְן דִי שְׁאֵלוֹת דוּרְךְ בְּרִיוו. מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶנְטְפֶערְן אוּן ווַייזְן דִי וֶועג ווִי מוֹהֲרַא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּחָדִים פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳; זָארְגְט נִישְׁט, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַזוֹי וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין. הָאט נִישְׁט מוֹרָא, גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין לַחַץ, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַרִיבֶּער גֵיין דִי חֳדָשִׁים גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן הָאבְּן בְּנָקֵל וּבְנַחַת; לֵייגְט אִין דִי זַייט אַלֶע אַייעֶרֶע פְּחָדִים. פְּחָדִים אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גּוּף קָשֶׁה", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, – "פַּחַד שָׁבְרוֹ", בִּיז עֶס קוּמְט צוּ פַּחַד, וֶוען עֶר וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוערְט דֶער שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דַיין בְּרִיוו; דוּ פְּרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער

אִיד, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דֶער ווילְן, אַז מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אִין אַ לֵיידִיגֶע שְׁטוּב אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י): "גַּם הָיָה מַטְמִין עַצְמוֹ עַל גַּבֵּי בֵּית אָבִיו תַּחַת הַגָּג", עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בּוֹידֶעם בַּיי זַיין טַאטְ'ן אִין שְׁטוּב, "שֶׁהָיָה שָׁם כְּמוֹ חֶדֶר בִּמְחִיצָה שֶׁל קָנִים שֶׁמַּחֲזִיקִין שָׁם תֶּבֶן וּמִסְפּוֹא", דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטוּב וואו מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן שְׁטְרוֹי פַאר דִי בְּהֵמוֹת, "וְשָׁם הָיָה מַטְמִין עַצְמוֹ", דָארְט פְלֶעגְט זִיךְ דֶער רֶבִּי בַּאהַאלְטְן, "וְהָיָה אוֹמֵר תְּהִלִּים", עֶר פְלֶעגְט דָארְט זָאגְן תְּהִלִּים, "וְהָיָה צוֹעֵק בְּלַחַשׁ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שֶׁיְּזַכֵּהוּ לְקָרְבוֹ אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ", אוּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִילּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, שָׁם) וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אִין אַלֶע סְפָרִים וואו עֶס אִיז דָא תְּפִילּוֹת, בַּקָּשׁוֹת אוּן תְּחִנּוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁכָּל הַמִּינֵי בַּקָּשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁנִּמְצָאִים בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁיִּהְיֶה - הַמָּצוּי בֵּינֵינוּ, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, לֹא הִנִּיחַ שׁוּם תְּחִנָּה וּבַקָּשָׁה שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים", יֶעדֶע תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה וָואס אִיז דָא אִין סְפָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, "הֵן תְּהִלִּים, וְסֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, וְהַבַּקָּשׁוֹת הַנִּדְפָּסִים בְּהַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וּשְׁאָר מִינֵי בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת", סַיי דִי תְּהִלִּים, סַיי דִי תְּפִילּוֹת פוּן סֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן אוּן אַלֶע תְּפִילּוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, "וַאֲפִילּוּ הַתְּחִנּוֹת הַנִּדְפָּסִים בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז", אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע תְּחִנּוֹת, "כֻּלָּם לֹא הִנִּיחַ מִלְּאָמְרָם", קַיין שׁוּם תְּפִלָּה הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט, אַדְרַבָּה, עֶר הָאט גֶעזוּכְט ווִי מֶער צוּ זָאגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ לֶערְנֶען וְכוּ'. אוּן רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה: "וְזֶהוּ הָעִקָּר, מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ לִזְכּוֹת לְמַה שֶּׁזָּכָה", דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת, וֶועט אִיר הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא שֶׁתִּחְיוּ.**

עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן אִיר וֶועט אַלֶע וֶוערְן כַּלוֹת אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן; דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ גֶעשִׁיכְטֶע אִין לֶעבְּן, דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער רִיכְטִיגֶער לֶעבְּן. מֶען הָאט קִינְדֶער אוּן מֶען דַארְף זֵיי עֶרְצִיעֶן, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער ווִיל מֶען זֵיי זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ.

נֶעמְט דִי צוּזָאג פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; אַז אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת, אִיר וֶועט רֶעדְן אֵיידְל, זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן - וֶועט אִיר אַלֶע הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

אַסַאךְ מָאל הָאט מֶען אַ נִסָּיוֹן, עֶס אִיז שְׁוֶוער; מֶען ווִיל גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידְל, אָבֶער אוֹיב מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען טוּט זִיךְ אָן נָאר אֵיידְל אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בָּנִים צַדִּיקִים.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיין גֵיין אִין עֶנְקֶער הַארְץ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר'ן קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ; אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער, עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ גֶעבְּן בָּאטְלֶעךְ. זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל

אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער וֶוען מֶען וַוייסְט נִישְׁט דָאס וֶוערְד דֶערְפוּן; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען קֶען הַאלְטְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד אִין דִי הֶענְט אוּן גֶעבְּן עֶסְן - אַלְץ גְרִינְגֶער וֶוערְט דָאס, אוּן פַארְקֶערְט, וִוי נָאר מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, אֲפִילוּ סְתָּם אָטֶעמֶען וֶוערְט שְׁוֶוער וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וֶוען מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס זֵייגְט; מֶען קֶען גֶעבְּן זֵייגְן פַאר דֶעם וְכוּ', אָבֶּער נָאכְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם דַארְף מֶען וַוארְטְן. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט (וַיִּקְרָא יט.): "בְּסִפְרָא דְאָנַח אַשְׁמְדָאי לִשְׁלֹמֹה מַלְכָּא", אַשְׁמְדַאי דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אַ סֵפֶר, דָארְט שְׁטֵייט דִי זַאכְן וִוי אַזוֹי דִי שֵׁדִים קֶענֶען שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בְּרֶענְגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שָׁם): "לְבָתַר לָא תָּנִיק לֵיהּ, עַד שַׁעֲתָא חֲדָא, כִּתְרֵין מִילִין", מֶען זָאל וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג וִוי מֶען גֵייט צְוֵויי מִיל; דָאס אִיז זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג מִינוּט, "אוֹ חַד מִיל, אִי לָא יַכְלָא בְּגִין צַעֲרָא דְרַבְיָא, בִּזְמְנָא דְאִיהוּ בָּכֵי", אוֹיבּ דָאס קִינְד וֵויינְט אִיז גֶענוּג צוּ וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג וִוי עֶס נֶעמְט צוּ גֵיין אֵיין מִיל, אַכְצְן מִינוּט, "וּבְדָא לָא מִסְתָּפֵי מִנָּהּ לְעָלְמִין", אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי - דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי.

דֶער זוֹהַר הַקֹּדֶשׁ זָאגְט דָארְט: "זַכָּאִין אִינּוּן צַדִּיקַיָּיא, דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוֹלִיף לוֹן רָזִין עֲמִיקִין דִלְעֵילָּא וְתַתָּא", וואוּיל זֶענֶען דִי צַדִּיקִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֶערְנְט מִיט זֵיי אַזֶעלְכֶע טִיפֶע סוֹדוֹת, "וְכֹלָּא בְּגִין אוֹרַיְיתָא", אַלֶעס נָאר אִינֶעם זְכוּת וָואס זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "דְּהָא אוֹרַיְיתָא, מַאן דְּיִשְׁתָּדַל בָּהּ", וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "מִתְעַטָּר בְּעִטְרִין דִּשְׁמָא קַדִּישָׁא", וֶוערְט בַּאקְרוֹינְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא אוֹרַיְיתָא שְׁמָא קַדִּישָׁא הוּא", וַוייל דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, "וּמַאן דְּיִשְׁתָּדַל בָּהּ, אִתְרְשִׁים וְאִתְעַטָּר בִּשְׁמָא קַדִּישָׁא", וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי תּוֹרָה וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶוערְט אַ קְרוֹין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְדֵין יָדַע אָרְחִין סְתִימִין, וְרָזִין עֲמִיקִין דִּלְעֵילָּא וְתַתָּא", עֶר וַוייסְט אַלֶע סוֹדוֹת וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְּן אִין הִימְל אוּן פוּן אוּנְטְן, "וְלָא מִסְתָּפֵי לְעָלְמִין", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער, גֶעבְּט עֶר מִיט כּוֹחוֹת פַּאר זֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער - גֶעבְּט עֶר כֹּחַ פַאר דִי מַאמֶע זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען פָּארֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אַסַאךְ מָאל אִיז דָא בַּיי פְרוֹיעֶן, זֵיי שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ וֶועגְן אַן אַנְדֶערֶע פְרוֹי וָואס הָאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, מֶען בַּאנֶעבֶּעכְט אִיר, מֶען בַּאוֵויינְט אִיר; עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ וִוי אַזוֹי אַ פְרוֹי קֶען הָאבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער. דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער - זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת, זֵיי קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן אֲפִילוּ דִי בַּאבֶּעס וָואס זֵיי אַלֵיינְס הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער אוּן יֶעצְט וֶוען זֵיי הַאלְטְן נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער - קֶענֶען זֵיי דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַייךְ אַ מַתָּנָה נָאךְ אַ קִינְד, וֶועט קוּמֶען מִיטְ׳ן קִינְד כֹּחַ אוּן מֹחַ; עֶר וֶועט שִׁיקְן זַיינֶע מַלְאָכִים זָאלְן אַייךְ הֶעלְפְן.

דַאֲגָה׳עֶט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, קוּקְט אַלְץ וָואס אִיר קֶענְט יֶעצְט טוּן עֶס זָאל זַיין גוּט אִין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בּוֹי אַרוֹיס דַיין הוֹיז, אוּן מַאךְ זִיכֶער צוּ הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אַ סוּכָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיס בּוֹיעֶן וְכוּ׳; אַוַדַאי זָאלְט אִיר אַרוֹיסְבּוֹיעֶן אַייעֶר דִירָה. אִיךְ וֵוייס

אוֹיךְ אַז דֶער עִיקָר אִיז אַ בַּיִת נִצְחִי, דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אָבֶער אַז אִיר הָאט יֶעצְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיסְצוּבוֹיעֶן אוּן אוֹיב אִיר וֶועט וַוארְטְן וֶועט אִיר נִישְׁט קֶענֶען דָארְט בּוֹיעֶן, דִי שְׁכֵנִים וֶועלְן אַלֶעס פַארְשְׁטֶעלְן וְכוּ' - זָאלְט אִיר זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען דֶערְצוּ. אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאלְט אִיר בָּארְגְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים, אִיר וֶועט עֶס קֶענֶען שְׁנֶעל בַּאצָאלְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי פָּארְטְשׁ פַאר דִי סוּכָּה; אוֹיף דֶעם זָאלְט אִיר אוֹיךְ בָּארְגְן גֶעלְט אוּן שׁוֹין מַאכְן אַ פָּארְטְשׁ אַז אִיר זָאלְט קֶענֶען הָאבְּן אַ סוּכָּה. אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אַ סוּכָּה; וֶוען מֶען גֵייט קוּקְן אַ דִירָה, אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף נִישְׁט וִוּיכְטִיגֶע זַאכְן דַארְף אַ אִיד גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן דִי מִצְוֹת, פוּן דִי יָמִים טוֹבִים, צִי עֶר וֶועט קֶענֶען הָאבְּן אַ סוּכָּה פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אַוַדאי מַאכְן דִי פָּארְטְשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוֹיף דֶעם (בֵּיצָה טו:): "לְווּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ"; בַּיי דֶעם אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן: "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת, וְהוֹצָאַת יָמִים טוֹבִים, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ" - אוֹיב מֶען גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ מֶער שֶׁפַע.

בְּנוֹגֵעַ אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ גֵייעֶן שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר אִיז צֶעפָּארְן; אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, וַוייל וִוילַאנְג מֶען לֵייגְט שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער אוּן מֶען אִיז מְסַדֵּר דִי שְׁטוּבּ - וֶוערְט שְׁפֶּעט, אוּן מֶען דַארְף דָאךְ אוֹיךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מַאן אוּן וַוייבּ, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, נֶעמְט אַייךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן פוּן דֶעם.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר קִינְד וְכוּ'; מֶען מֶעג מֶען אַרוֹיסְלֵייגְן אַ קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ עֶר זָאל שְׁטֵיין בַּיי דִי טְרֶעפּ בִּיז עֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ, בִּיז עֶר הֶערְט אוֹיף וִוילְדֶעוֶוען. אַזוֹי טוּ אִיךְ אוֹיךְ; וֶוען אִיךְ זֶע בַּיי דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט, לֵייגְט מֶען זֵיי שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן בִּיז זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר צוּ פָאלְגְן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג דָאס צוּ טוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, אַ שָׁאד קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן נִישְׁט פָאלְגֶעדִיג; שְׁפֶּעטֶער אִיז שְׁוֶוער דָאס צוּ פּוֹעֵלְ'ן, מֶען דַארְף דָאס פּוֹעֵלְ'ן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג. יוּנְגֶע קִינְדֶער פוּן דְרֵיי יָאר דַארְפְן וִויסְן אַז אַ וָוארְט פוּן מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט אוּן אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע אִיז אַ וָוארְט - אָן קַיין פְּשָׁרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ קוּקְן אִין שְׁטוּבּ קְלִיפְּס וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט כְּדַאי. בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם קְלִיפְּס - אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע קְלִיפְּס, וַוייל

דָאס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן נִישְׁט גוּט.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶס לִיגְט דִיר אוֹיפְ׳ן הַארְץ זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן.

זַייט מִתְפַּלֵל פַּאר מִיר, וַוייל מֶען שְׁלָאגְט מִיר אוּן מֶען הַאקְט מִיר; אִיךְ דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דִי פְּרוֹי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט וֶוערְט בַּיי אִיר שַׁבָּת, זִי טָאר מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם מְלָאכָה; דֶער מַאן קֶען נָאךְ טוּן מְלָאכוֹת בִּיזְ׳ן זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת אוּן בְּדִיעֶבֶד - בִּיז דִי שְׁקִיעָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי ... אָרְגֶענֶעזֶעיִשְׁן; לָאז זִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן. זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָה פַּאר אֲרִיכוּת יָמִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ׳נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר״, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס אִיז מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת. בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוער עֶס פַּאלְט אַרָאפּ

אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעריסְן פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין.

מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר, וַוייל מֶען שְׁלָאגְט מִיר, מֶען הַאקְט מִיר אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר לָשׁוֹן הָרָע, אִיךְ דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי נִישְׁט פוּיל, לוֹיף אִין מִקְוֶה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בֶּעטְסְט חִיזּוּק אוֹיף צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, לֶעצְטְנְס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דוּ וֶוערְסְט פוּיל, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאווּאוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען".

שְׁטַארְק זִיךְ, זֵיי נִישְׁט פוּיל; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִיז גֵיין אִין מִקְוֶה. אַוַדַאי אִיז דָא אוֹיף מִקְוֶה אַסַאךְ מְנִיעוֹת,

דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט עֶס אוֹיסְזֶעהְן ווִי אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶר ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶר וֵוייסְט אַז אֵיינְמָאל מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

חַזֶר דֶעם בְּרִיוו יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְּרוֹיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הֶערְן דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז אִיר גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט עֶנְדִיגְן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל; אִיר הָאט יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן נַיינְצִיגְסְטֶע מָאל. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט אִיז צוּ זִינְגֶען דִי קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תְּהִלִּים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּמִימוּת וָואס פְרוֹיעֶן הָאבְּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווִי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל ווִי מֶער מֶען פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַזַא דִיבּוּר: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע

וַוייבֶּער שׁוּל׳ן״, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט; פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען״; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מֵיידְל אִיז מְכַבֵּד אוּן הֶעלְפְט דִי עֶלְטֶערְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט מִיט אַייעֶר בְּרִיוו אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט אַייךְ, אִיר זֶענְט מְקַיֵּים מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם בְּשִׂמְחָה.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; ווִיפִיל מִיר וֶועלְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מִיר הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין כ.): דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי טַרְפוֹן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן שַׁבָּת מִיט זַיין מַאמֶע, גֵייעֶנְדִיג הָאט זִיךְ אִיר שִׁיךְ צֶערִיסְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי טַרְפוֹן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף דֶער עֶרְד זָאגְנְדִיג: ״מַאמֶע, לֵייג דַיינֶע פִיס אוֹיף מַיינֶע הֶענְט״ - אַז זִי זָאל נִישְׁט גֵיין בָּארְוֶועס, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר בִּיז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר שְׁטוּבּ. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַרְפוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, הָאט זַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן דִי חֲכָמִים זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים, זִי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״מַיין זוּן אִיז מִיר מְכַבֵּד מֶער ווִיפִיל מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע״, הָאבְּן אִיר דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: ״דֶערְצֵייל אוּנְז זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים״, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט ווִי עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד וֶוען אִיר שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן, ״עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין וְכוּ׳״; הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: ״אֲפִילוּ עֶר זָאל דִיר טוּן טוֹיזְנְט מָאל

אַזוֹי וִוי עֶר טוּט דִיר יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

אַז אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ' גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט שְׁוֶוערֶע טֶעג, זִי נֶעמְט שְׁוֶוערֶע מֶעדֶעצִין פַאר דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע מִיט וָואס אִיר קֶענְט נָאר; הֶעלְפְט אִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן מִיט שִׂמְחָה. מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַיין דְרֵיי אוּן מֶען אִיז אַלֵיינְס אַ מַאמֶע אוּן וִוי אַזוֹי מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער פִּירְן מִיט אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן הֶעלְפְן דִי מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז מִיר וֶועלְן רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְן שֵׁיין צוּ אוּנְז.

אִיר זָאלְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חַבֵרְ'טֶעס; זָאלְן אַלֶע וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז. וָואס מֵיינְט אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה? נָאר אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן, מֶען חוּצְפָּה'ט זִיךְ נִישְׁט, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מַאמֶע, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַ טַאטֶע - דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מֵיידְל.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע עַל מַסֶכֶת בָּבָא מְצִיעָא, דַף לג) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְן טַאטְ'ן - אַן אָרֶעמַאן; דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע אָרֶעמֶעלַייט; וַיְהִי הַיּוֹם עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער זַיין אֵיינִיקְל - אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס", דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידִי; זֵיידִי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד", הָאט דֶער גְבִיר גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בּוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטְן קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סַיי וֵוי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְ'ן זֵיידְ'ן"; דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד פוּל מִיט רִיסְן אוּן גְרוֹיסֶע לֶעכֶער. עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶׁערְל, אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט דֶעם קְלֵייד אוּן דָאס צֶעשְׁנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאךְ נִישְׁט אַרָאפּ, הָאט עֶר אַרוֹיף גֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס

טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶּער וַוייטֶער פַארְזוּימְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפּ גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֵיין שְׁטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַלְט וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען ווינְטֶער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין קַאלְט וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, ט) 'מַעֲשֵׂה אָבוֹת - סִימָן לְבָנִים', ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט דִיר"; הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטְ'ן, עֶר הָאט אִים אַרַיין גֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

אַזוֹי ווִי זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וֶוערְן יֶעצְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב, עֶס זֶענֶען דָא וָואס מֵיינֶען אַז מֶען מוּז אוֹיסְשְׁרֵייעֶן מִיט אַ טְרָאמְפֵּייטֶער, אַלֶע זָאלְן ווִיסְן 'אִיךְ בִּין בְּרֶסְלֶב'; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען בַּיי אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'עֶר, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוּן אַוֶועק מַאכְן אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער, בִּפְרַט וֶוען מֶען גֵייט אִין סְקוּל דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי לֶערֶערִינְס אוּן צוּ דִי מְנַהֶלֶת. מִיר לַיידְן אַסַאךְ פוּן דִי וָואס חוּצְפָּה'נֶען זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן צוּ אַנְדֶערֶע, נָאכְדֶעם גֵייט אַלֶעס אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, מֶען קוּקְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְחוּצָפִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ פְּרִיוַואט, נִישְׁט צוּ שְׁטוּיסְן דִי שׁוּלֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ט' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר וֶועט פָאלְגְן וָואס דִי מְנַהֶלֶת זָאגְט - וֶועט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען, אִיר וֶועט מַאכְן שֵׁיין דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר לֶערְנֶען", דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי יֶענֶעם אִיז מֶען שְׁטִיל, אַז מֶען לֶערְנְט בַּיי יֶענֶעם אִין מוֹסָד דְרֵיידְט מֶען נִישְׁט אִיבֶּער יֶענֶעמְ'ס פְּלַאץ.

קַיין שׁוּם מְנַהֶלֶת גֵייט נִישְׁט אָן וֶוער אִיז דֶער רֶבִּי פוּן דִי תַּלְמִידָה, וֶוער אִיז דֶער דַיָּין פוּן דִי תַּלְמִידָה אוּן וֶוער עֶס אִיז זֵייעֶר מוֹרֶה דֶרֶךְ, דֶער עִיקָר וָואס דִי מְנַהֶלֶת ווילְן אִיז - מֶען זָאל פָאלְגְן וָואס דִי סְקוּל זָאגְט; וֶוען מֵיידְלֶעךְ הֵייבְּן אָן זִיךְ חוּצְפָּה'נֶען צוּ דִי לֶערֶערִינְס אוּן צוּ דִי מְנַהֶלֶת - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גוּט.

אוֹיב דִי מֵיידְל מָארְדֶעוֶועט, זִי וִויל נִישְׁט הֶערְן וָואס דִי מְנַהֶלֶת זָאגְט אוּן וָואס דִי לֶערֶערִינְס זָאגְן, זִי פַּייפְט זִיךְ אָן אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין בְּרֶסְלֶב", דֶעמָאלְט פַּאסִירְן אַלֶע הִתְנַגְּדוּת.

אַלֶע הִתְנַגְּדוּת אוֹיף בְּרֶסְלֶב קוּמְט פוּן עַזּוּת פְּנִימְ'ער אוּן מְחוּצָּפִים, ווַייל אוֹיף בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ זָאגְן קַיין אֵיין וָוארְט שְׁלֶעכְט; מִיר לַיידְן גֶענוּג דִי אַלֶע יָארְן פוּן דֶעם, מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן נִישְׁט בְּרֶסְלֶב - נָאר צוּלִיב דִי סִיבָּה, קִינְדֶער חוּצְפָּה'נֶען זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערְן, תַּלְמִידוֹת חוּצְפָּה'נֶען זִיךְ קֶעגְן זֵייעֶר לֶערֶערִין אוּן בָּחוּרִים פַּייפְן אוֹיף דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, נָאכְדֶעם מֵיינְט מֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, רֶעדְט נִישְׁט אִין סְקוּל מִיט קֵיינֶעם פוּן רֶבִּי'ן, נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ פְּרִיוַואט, נִישְׁט צוּ שְׁטוֹיסְן דִי שׁוּלֶע.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זֶען וָואס מֶער צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב; דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, זוּכְט נִישְׁט אַרוֹיס צוּ גֵיין טָאג אוּן נַאכְט אִין גַאס מִיט חַבֶרְ'טֶעס. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַייךְ הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר שְׁוַואכְקֵייט אִין מֹחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר שְׁוַואכְקֵייט אִין מֹחַ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן מַחֲלוֹת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ, זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר. אִיךְ הָאבּ כְּסֵדֶר פְּחָדִים, אִיךְ וֶוער אַזוֹי אָנְגֶעצוֹיגְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן רוּאִיג, אִיךְ ווִיל זַיין אַ רוּאִיגֶע מַאמֶע, אַ פְרֵיילִיכֶע פְרוֹי. מַיין מֹחַ דֶערְהֵייבְּט נִישְׁט צוּפִיל, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ בִּין רוֹב צַייט נִישְׁט רוּאִיג.

בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר - מַאךְ אַ נֵס אוּן הֵייל מִיר אוֹיס; אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין דָאקְטֶער, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן דָאקְטוֹרִים, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין מַיין דָאקְטֶער כִּי אֵל מֶלֶךְ רוֹפֵא נֶאֱמָן וְרַחֲמָן אָתָּה. דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער בַּאגְלֵייבְּסְטֶער דָאקְטֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ פוּל מִיט רַחֲמָנוּת.

בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן סֶלָה".

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; נֶעמְט עֶס אַרוֹיס וְכוּ׳, הָאט נִישְׁט מוֹרָא. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, אִיר וֶועט קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער אוּן זֵיי עֶרְצִיעֶן בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַ קִינְד קֶעגְן דִי מוֹסָד וואו עֶר לֶערְנְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דָאס וָואס דוּ טוּסְט מִיט וְכוּ׳ - אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; אַז דוּ ווִילְסְט - נֶעם אִים אַרוֹיס פוּן חֵדֶר, אַז עֶר לֶערְנְט אִין חֵדֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אַוֶועק צוּ מַאכְן אוּן אִים זָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

מִיר מַאכְן חוֹזֶק פוּן טֶערֶעפִּי, מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין דִי נַארִישְׁקֵייטְן; מִיר וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת אַז דָאס אִיז אַ גְנֵיבָה, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּן קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, וְהָא רַאְיָ׳ אַז דֶער טֶערֶעפִּיסְט קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר מִיר הֶעלְפְן?!

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן סא): "יֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, וְלֹא דַּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים", עֶס זֶענֶען דָא פִירֶערְס וָואס רוּפְן זִיךְ רֶבִּי׳ס, אָבֶּער נִישְׁט נָאר זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

טֶערֶעפִּי אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דָאס קוּמְט פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דָאס אִיז מִדַּרְכֵי הָאֱמוֹרִי; מִיר הֵיילְן אוֹיס אַלֶע קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

מִיר זֶענֶען מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְרִיעֶר; דִי גוֹי'שֶׁע קָאפּ זָאגְט: 'הָאבּ נִישְׁט חֲתוּנָה, בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גְרֵייט', אוּן לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט: 'נָאר חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז דִי עֵצָה; חֲתוּנָה

הָאבְּן אִיז דִי וֶועג גֶעדַּאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת'.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט מְחַנֵךְ אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶען אִיךְ זִיךְ יָא מִישְׁן, אַז דוּ שִׁיקְסְט דַיינֶע קִינְדֶער דָא קֶענְסְטוּ נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אוּנְזֶער חִינוּךְ; ... אִיז אִין אַ סַכָּנָה, עֶר וֶוערְט צֶערִיסְן, אִין חֵדֶר הֶערְט עֶר אֵיין זַאךְ אוּן פוּן דִיר הֶערְט עֶר אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ.

אִיךְ זוּךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן אוּן זִיךְ צוּ מִישְׁן, אָבֶער אִיךְ זָאג דִיר קְלָאר: "אִיךְ וֶועל טוּן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן עַל פִּי תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, נָאר פוּנֶעם בּוֹרֵא".

...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט אַז עֶס מוּז זַיין וִוי אִיךְ ווִיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, שֶׁיִּחְיוּ.**

דִי וָואךְ זֶעעֶן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק אוֹיף תְּפִלָּה; יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת אִיז גֶעוֶוען נָאר תְּפִלָּה.

לֵאָה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; כָאטְשִׁיג אִיר שִׁידוּךְ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט אַז זִי זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז לֵאָה וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו אוּן רָחֵל מִיט יַעֲקֹב, דָאךְ הָאט זִי נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן בִּיז זִי הָאט בַּאקוּמֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ.

דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז; "מַעֲשֵׂה אָבוֹת - סִימָן לְבָנִים (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, ט)", מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר ווִילְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס קְוֶועטְשְׁט אוּן טוּט וֵויי - זָאלְן מִיר נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען מִיט גֶעוַואלְד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר

לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, און אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

מִיט דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף רָחֵל; לִכְאוֹרָה רָחֵל הָאט דָאךְ גֶעטוּן וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן, רָחֵל הָאט גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב'ן (בְּרֵאשִׁית ל, א): "הָבָה לִּי בָנִים", גֶעבּ מִיר קִינְדֶער; דָאס דַארְף דָאךְ אַ אִיד טוּן, גֵיין צוּ אַ צַדִּיק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער. רַשִׁ"י זָאגְט, אַז רָחֵל הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ יַעֲקֹב: דַיין טַאטֶע יִצְחָק הָאט גֶעדַאוֶוענְט און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רִבְקָה, פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט פַאר מִיר? שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע פְרַאגֶע, פַארְוָואס הָאט זִיךְ יַעֲקֹב אוֹיפְגֶערֶעגְט (שָׁם, ב): "וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל", זִי הָאט דָאךְ גֶעטוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): "כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס הָאט אַ צָרָה אִין שְׁטוּבּ, "יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים", זָאל גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל בֶּעטְן פַאר אִים!

מוֹהַרְנַ"שׁ זָאגְט, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט וֵויי גֶעטוּן וֶוען רָחֵל הָאט גֶעזָאגְט: "וְאִם אַיִן - מֵתָה אָנֹכִי", אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע; אַזוֹי רֶעדְט נִישְׁט אַ אִיד! דִי עֶרְשְׁטֶע בַּקָּשָׁה הָאט זִי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעזָאגְט: "הָבָא לִי בָנִים", בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין, אָבֶער "וְאִם אַיִן -

מֵתָה אָנֹכִי" - אוֹיבּ נִישְׁט בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע?! אוֹיבּ נִישְׁט אִיז עֶק וֶועלְט?! אַ אִיד דַארְף ווִיסְן "אוֹיבּ נִישְׁט" - וֶועל אִיךְ וַוייטֶער לֶעבְּן, "אוֹיבּ נִישְׁט" - וֶועל אִיךְ וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען מִיט גֶעוַואלְד.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, בֶּעטְס אִים וָואס אִיר דַארְפְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה זָאל מֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיר וֵוייסְט מִן הַסְּתָם וָואס גֵייט פַאר בַּיי עֶנְק אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַפָּאר מְנַהֲלוֹת הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער אַז זֵיי קוּמֶען אָן קַיין בְּרֶסְלֶב, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; זֵיי טְרַאכְטְן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען, מֶען וֶועט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן אוּן לֵיינֶען פוּן בְּרֶסְלֶב - מִיט דֶעם וֶועלְן דִי קִינְדֶער שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן דֶעם רֶבִּי'ן, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז דָאס וֶועט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה! מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעמֶען, יֶעדֶער זָאל ווִיסְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס עֵצוֹת, יֶעדֶער זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדֶע מַצָּב; אַז זֵיי וֶועלְן הַאלְטְן דְרָשׁוֹת פַאר דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת אַז מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן אוּן לֵיינֶען פוּן בְּרֶסְלֶב - וֶועלְן אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת דָאס אַפִּיר זוּכְן אוּן אַלֶע וֶועלְן זִיךְ דֶערְווּאוּסְן פוּן רֶבִּי'ן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער - בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; מֶען פַארְקוֹיפְט זֵיי גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אַלֶע זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, אַלֶע זֶענֶען דָארְשְׁטִיג נָאךְ אַבִּיסְל אֱמֶת'עֶ לֶעבְּן. אַנְשְׁטָאט הַאלְטְן דְרָשׁוֹת מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים - גֶעבּ עֶפֶּעס, זָאג וָואס יָא, גֶעבּ אַרַיין אַ חַיּוּת אִין זֵיי, לֶערְן מִיט זֵיי אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן, אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט הֲפָצָה אוּן אַז אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועט קֵיינֶער עֶנְק נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן; אֵיין וֶועג אִיז דָא חַס וְשָׁלוֹם ווִי אַזוֹי עֶס זָאל צֶעפַאלְן אַייעֶר חֲבוּרָה, אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ מַחֲלֹקֶת, מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען לַיידְן; דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אַייךְ גָארְנִישְׁט, כָּל זְמַן אִיר וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיר וֶועט זִיךְ דוּרְכְקוּמֶען - וֶועט קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן.

אַז אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס וָואס צוּ זָאגְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן קֶען מֶען מִיר שְׁרַייבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן נִישְׁט רֵייכֶערְן אִין דִי ד׳ אַמּוֹת פוּן שׁוּל; גֵייט אִין יַבְנְאֵל אוּן קוּקְט וָואס עֶס הֶענְגְט אִין אַלֶע זַייטְן, אוֹיפְ׳ן שׁוּל, אוֹיפְ׳ן כּוֹלֵל: "נָא לֹא לְעַשֵּׁן, בִּפְרַט בְּד׳ אַמּוֹת שֶׁל רַבֵּינוּ". בַּיי אוּנְז אִיז מֶען מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם; דִי בָּחוּרִים וָואס רֵייכֶערְן בֶּעט אִיךְ כְּסֵדֶר זֵיי זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גַאס, נִישְׁט שְׁטֵיין פַארְ׳ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ רֵייכֶערְן. בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן אִין דִי ד׳ אַמּוֹת פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען.

מִיר הָאבְּן גֶעטְרֵייעֶ גַבָּאִים, ר׳ ... מִיט ר׳ ... אוּן ר׳...; זֵיי וִוילְן גָארְנִישְׁט, זֵיי וִוילְן נָאר מִיר זָאלְן קֶענֶען שַׁיין מַאכְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען. אִיךְ בֶּעט מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, רֶעדְן שַׁיין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן - וֶועט עֶנְק קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אַ שְׁטָאט וואוּ מֶען דְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

פַארְוָואס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג? מֶען וַוארְט דֶער אִינְסְפֶּעקְטָאר זָאל קוּמֶען גֶעבְּן אַ סִי-אוֹ פַארְ׳ן בִּנְיָן הַדְפָּסָה; עֶס טוּט מִיר וֵויי יֶעדְן טָאג וָואס דֶער בִּנְיָן אִיז נִישְׁט אִין בַּאנוּץ, פַארְוָואס אִיז דָאס נִישְׁט ווִיכְטִיגֶער פוּן דַיין פְּרִיוַואטֶע הוֹיז? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי הַדְפָּסָה בִּנְיָן אַז דָאס אִיז דַיין הוֹיז?! דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל וֶועט הָאבְּן נוּצְן וֶוען מֶען וֶועט דָארְט דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; דִי לוּפְט אִין שְׁטֶעטְל וֶועט וֶוערְן הֵיילִיג, מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "אִין אַ שְׁטָאט וואוּ מֶען דְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הֵיילִיג".

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף מַאכְן; אִיךְ ווִיל אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, אוֹיךְ ווִיל אִיךְ בּוֹיעֶן נָאךְ אַ שְׁטָאק אִינֶעם בִּנְיָן הַדְּפָסָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַפָּצָה, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אָפִּיסֶעס; אָבֶּער אִיךְ מַאךְ גָארְנִישְׁט ווִילַאנְג דִי הַדְּפָסָה גֵייט צוּרִיק אִין קְרַאפְּט.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף הַדְּפָסָה אַזוֹי ווִי עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין אֵייגְנְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז דָא עֵצוֹת ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער דַיין גֶעשְׁרֵיי ווִי דוּ וֵויינְסְט אַז דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר, בִּפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה, זֵיי וֶוערְן נֶעבֶּעךְ נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, צוּ זֵיי קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן אִיז זֵיי מְחַזֵק זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן; זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי מוֹחֵל זַיין.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, פָאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן; זוּךְ אַ פְּלַאץ, אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט; גֵיי אַהִין אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי תַּאֲוֹת נִיאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר, אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ פַארְבְּרֶענְט; אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס״.**

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, הֶער נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ הַקָּדוֹשׁ "עַזְרִיאֵל" וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אִין הִימְל אַרוֹיפְצוּטְרָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן חַתוּנָה הָאבְּן אוּן אַזוֹי אַרוּם נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן, וֶוער דֶער מַלְאָךְ אִיז אוּן וָואס זַיין זַאךְ אִיז (קוּק עֶס נָאךְ אִין סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם פֶּרֶק ד׳, סַבְלָנוּת לַבָּחוּר).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת; מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנַיּוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן. פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת; אַז מֶען זָאגְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת קוּמְט צוּרִיק דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרוּקֶנְט וְכוּ׳, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארְן מֹחַ.

זַיי שְׁטַארְק אִין דִי צְוָויי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף זַיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְפַאלְנְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי גֵייט אוֹיךְ אָן צְנִיעוּת בַּיי טִיכְלֶעךְ; אַזוֹי וִוי מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט

אוֹיפְפַאלְנְדֶע קְלֵיידֶער - טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלְנְדֶע טִיכְלֶעךְ און אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. אוֹיפְפַאלְנְד און שְׁרֵייעֶדִיג אִיז שַׁיָּיךְ בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, בַּיי דִי קְלֵייד, בַּיי דִי טִיכְל, בַּיי דִי שִׁיךְ און אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים רֶעדְן, גֵיין און קוּמֶען. יֶעדֶע זַאךְ בַּיי אַ פְרוֹי וָואס שְׁרֵייט אַרוֹיס - אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין צְנִיעוּת.

דָאס וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג ווייל דַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין; שֵׁיין און אוֹיפְפַאלְנְד אִיז צְוֵויי עֶקְסְטֶערֶע זַאכְן. אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין און אֵיידְל מַאכְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אוֹיף דֶעם בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין צָרוֹת און יִסוּרִים; פַארְ'ן גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין און אֵיידְל בַּאקוּמְט מֶען נָאר גוּטְס, אַלֶע וֶועלְן אִיר וֶועלְן נָאכְמַאכְן.

אוֹיפְפַאלְנְד - אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה; דָאס אִיז נִישְׁט שֵׁיין, אוֹיפְפַאלְנְד און שְׁרֵייעֶדִיג אִיז נִישְׁט דִי וֶועג פַאר אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אֲפִילוּ דִי טִיכְל טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן און רוּפְן.

וֶוען פְרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס מֶען בַּאצָאלְט פוּן הִימְל פַאר צְנִיעוּת - וָואלְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נִסָּיוֹן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "בִּשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בָּהּ בְּרָחֵל זָכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה שָׁאוּל", רָחֵל אִמֵּנוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז פוּן אִיר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ וִויבַּאלְד זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת, "וּבִשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיָה בּוֹ בְּשָׁאוּל זָכָה וְיָצָאת מִמֶּנּוּ אֶסְתֵּר", און שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת אַז פוּן אִים אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה; און דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶטְלִיכֶע ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין (חַגַּי ב, ט): ״גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן, מִן הָרִאשׁוֹן״, מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ זָאלְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דוּ ווִילְסְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זַיין דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ אָבֶּער דוּ ווֹאוֹינְסְט וַוייט, דוּ ווֹאוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אַז דוּ וֶועסְט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו - וֶועסְטוּ ווִיסְן פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ. וָואס מֵיינְסְטוּ, דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זִיצְן אִין יְשִׁיבָה - זֵיי בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס מֶער? זֵיי זִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן נֶעמֶען דָארְט שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דִי וָואס ווֹאוֹינֶען וַוייט.

הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְן דִי בְּרִיוו, וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. אוּן אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס צוּ פְרֶעגְן - שְׁרַייבּ אַ בְּרִיוו, וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִיר עֶנְטְפֶערְן.

אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפֶּל שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת אִין לֶעבְּן: דָאס עֶרְשְׁטֶע - רֶעד נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע רֵייד, דֶערְצֵייל אִיר נִישְׁט דַיינֶע כִּשְׁלוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל אִיר נִישְׁט דַיין עָבָר, בִּפְרַט אַז דוּ הָאלְסְט שׁוֹין בַּיי דִי צְוֵוייטֶע מָאל חֲתוּנָה הָאבְּן - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט צוּפִיל רֶעדְן פוּן דַיין עָבָר.

צְוֵוייטְנְס, רֶעד נִישְׁט קֶעגְן אִיר מִשְׁפָּחָה; אֲפִילוּ זִי וֶועט רֶעדְן צוּ דִיר קֶעגְן זֵיי זָאלְסְטוּ אִיר נָאר אוֹיסְהֶערְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

דְרִיטְנְס, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְהֶערְן אִיר וֵוייטָאג, אֲפִילוּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן וַוייזְן מִיטְלַייד.

פֶערְטְנְס, זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אִין כּוֹלֵל, דוּ לֶערְנְסְט סַיי ווִי אַ גַאנְצְן טָאג - זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, דָאס בּוֹיט אוֹיף דֶעם מַאן אִין דִי פְרוֹי'ס אוֹיגְן, אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ זֶען אִיר מַאן לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִינְטֶעְרֶעסַאנְט, נָאכְן לֵיינֶען אַזוֹיפִיל בְּרִיוו וָואלְסְטוּ שׁוֹין גֶעקֶענְט אַלֵיינְס צוּטְרֶעפְן וָואס מֶען וֶועט דִיר עֶנְטְפֶערְן.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין דַיין הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער; דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין בַּיי דִיר דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ. אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב אִיז אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען נָאר כֵּלִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען: אַ טִישׁ, אַ מְנוֹרָה, אַ מִזְבֵּחַ מִיט אַ אָרוֹן. אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אוֹיךְ נָאר דִי כֵּלִים, אַ טִישׁ, אַ מְנוֹרָה מִיט אַן אָרוֹן הָעֵדוּת - אַ סְפָרִים שַׁאנְק.

הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין; בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין - נִישְׁט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער אוּן נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן, (טֶעלֶעפָאן מֵיינְט מֶען טֶעלֶעפְאוֹנְס וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי קָאפּ פוּן שְׁטוּב, טֶעלֶעפְאוֹנְס וָואס מֶען הָאט גְרוּפְּ׳ס פוּן טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ), וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם דִי דִירָה פוּן דַיין שְׁוֶוער, אוּן זָאלְסְט אִים אוֹיךְ אַרַיינְנֶעמֶען צוּ דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ מַסְכִּים זַיין וָואס דַיין שְׁוֶוער בֶּעט פוּן דִיר, אַז עֶר וִויל דִיר גֶעבְּן אַ דִירָה אוֹיף דַיין נָאמֶען בִּתְנַאי אַז דִי דִירָה וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק פַאר אִים, אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זַיין נָאנְט צוּ אִים, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין עֶלְנְד; דוּ וֶועסְט דָאךְ

נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם, סֵיי דוּ אוּן סֵיי דַיין ווייבּ וֶועלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, בְּנוֹסָף לָזֶה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דִירָה; דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָן קַיין לַחַץ פוּן צָאלְן רֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז אַ גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

מֶען הָאט מְסַדֵר גֶעוֶוען אַז אִיךְ קֶען זֶען וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל; אִיךְ זִיץ אִין אַמֶעריקֶע אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדֶע רִיר פוּן אַייךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיךְ זֶע עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אַריין בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אוֹיךְ אִיז דֶער שׁוּל שֵׁיין אוּן מְסוּדָר; דֶער שׁוּל אִיז רֵיין אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז אָפּ דִי נַארִישְׁקֵייטְן, זֶע נָאר מְקָרֵב צוּ זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס זֶעט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק מִיט דַיין אַלְטֶע קָאפּ אֵיידֶער דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, אִיךְ גֶעדֶענְק דִיר אִיבֶּער צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה - בִּיסְטוּ גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי פַארְדְרֵייטֶע זַאכְן, דַיין חַיוּת אִיז גֶעוֶוען דִי זַאכְן; הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט׳ן רֶבִּי׳ן - בִּיסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ

פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי זַאכְן, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס הֵייבְּט אָן צוּרִיק קוּמֶען דִי סָארְט טִפְּשׁוּת אָנְגֶעטוּן אִין שֵׁיינֶע קַנָאִי'שֶׁע קְלֵיידֶער.

לֵייג אַרַיין דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִין הֲפָצָה; זוּךְ וִוי מֶען קֶען מְקַרֵב זַיין נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט וִוי מֶען קֶען מְרַחֵק זַיין נָאךְ אֵיינֶעם. אוּנְזֶער זַאךְ אִיז לְקָרֵב אֶת כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ לְשֵׁם יִתְבָּרַךְ, דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין: 'וִוי קֶען מֶען נָאךְ אַ אִיד מְזַכֶּה זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן טְשֶׁעקְס וֶוען עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין דֶעקוּנְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.**

וָואס אִיז דִי זַאךְ אַז מֶען גֶעבְּט טְשֶׁעקְס פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן מֶען שְׁרַייבְּט מֶען זָאל דָאס נָאכְנִישְׁט נוּצְן?!

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין דִי יְשִׁיבָה קַאסֶע זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טְשֶׁעקְס; גֶעבְּן טְשֶׁעקְס אוּן שְׁרַייבְּן אַז מֶען קֶען דָאס נָאכְנִישְׁט נוּצְן - אִיז אַ מְשׁוּגַעַת, עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ גֶעבְּן, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען אִין אָפִּיס אַן הִתְחַיְּבוּת צוּ בַּאצָאלְן - וִוי אֵיידֶער בַּאצָאלְן אוּן זָאגְן אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט נוּצְן.

אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; זָאג מִיר וִויפִיל גֶעלְט דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אוֹיסְצוּצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן שַׁאפְן דִי סְכוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעבאפטע וועכנטליכע קונטרסים

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט
דא צו
באקומען
אפגעשיקט

**יעדע
וואך
צו אייער
טיר
אויף די
פאסט**




הערליכע
בריון, שאלות
ותשובות אין
אלע אקטועלע
נושאים אין טאג
טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן
ראש ישיבה
**הרה"ג ר'
יואל ראטה
שליט"א**

פאר די ביליגע
פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691** קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן
געווארן פון די געשמאקע בריון,
פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן
פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

goodpointmediainc@gmail.com